# צום פינטל

גליון קפד

קרח–תשפ״ו–יודיש

## ◆ ——פרשה—— ◆

## הקרקע רועד – החשד מרעיד

״רב לכם כי כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה׳ ומדוע תתנשאו על קהל ה׳״. קורח האט חושד געווען, ער איז געקומען מיט א פארקרומטע בליק אויף די הנהגה פון משה און אהרן. און די שטראף איז געקומען דורך דער ערד. ״ותבקע האדמה אשר תחתיהם. ותפתח הארץ את פיה ותבלע אותם ואת בתיהם ואת כל האדם אשר לקרח ואת כל הרכוש״. מען דארף פארשטיין: פארוואס דוקא דורך די ערד, וואס איז די קשר.

קורח האט זיך נישט געקריגט נאר אויף איין פרט פון כהונה. ער האט צושאקלט די ערד אויף וועלכער גאנץ כלל ישראל איז געשטאנען. די ערד איז די טראַסט, די ׳אמון׳. כל זמן עס איז דא אמון, איז דא א פלאץ ווי צו שטיין. ווען חשד קומט אריין, הייבט די ערד אן צו שאקלען.



א מענטש איז געוואוינט צו טראכטן אז די ערד איז די פשוט׳סטע זאך אויף דער וועלט. ער שטייט אויף די ערד, ער גייט אויף די ערד, ער בויט א הויז, אבער ער טראכט נישט דערפון בכלל. כל זמן די ערד שטייט שטארק, איז ער נאר פארנומען מיט וואס עס שטייט אויף די ערד. די הויז, די טיש, די וועג, די חפצים, די מענטשן. די ערד אליינס פארנעמט נישט צו סאך פלאץ אין זיין מחשבה, די ערד זעלבסט איז א דבר פשוט.

אבער ווען עס איז דא א רעידת אדמה, ווערט פלוצלינג קלאר אז אלעס וואס האט אויסגעזען ווי עס שטייט פון זיך אליין, הענגט אויף איין זאך. אויב די ערד שטייט נישט גראד, שטייט נישט די הויז. די טיש. דער מענטש, אלעס שאקלט זיך. ווייל דער פלאץ אויף וואס אלעס שטייט האט זיך אנגעהויבן שאקלען.

די גרינדשטיין פון יעדן קשר איז ׳טראַסט׳, אמון. א שטוב שטייט אויף טראַסט. חברות שטייט אויף טראַסט. א תלמיד און א רבי שטייען אויף טראַסט. א קהילה און מנהיג שטייען אויף טראַסט. כל זמן עס איז דא טראַסט, קען דער מענטש ממשיך זיין צו שטיין אינעם קשר. עס קען זיין שאלות, עס קען זיין שוועריקייטן, עס קען זיין זאכן וואס ער פארשטייט נישט, אבער עס איז נאך דא א קראנטקייט אונטער זיינע פיס, עס איז דא פלאץ צו שטיין. דער מענטש זאגט: איך פארשטיי נישט אלעס, אבער איך שטיי אין א נאמן׳דיגן קשר.

טראַסט נעמט נישט אוועק דעם שכל. טראַסט מיינט נישט אז עס איז נישט דא קיין שאלות און בירורים. פארקערט, ווען ס׳איז דא א געזונטע טראַסט, קען מען פרעגן מיט מער רואיגקייט. א שאלה צושאקלט נישט די ערד, אדרבה, ס׳העלפט אויסקלארן און בויען דעם בנין. איך פארשטיי נישט יענעם, אבער איך בין נישט חושד. איך בעט בירור, אבער איך שטיי נאך אלץ אינעם טראַסט.

אבער ווען חשד קומט אריין, טוישט זיך אלעס. חשד איז נישט נאר עפעס א מחשבה. חשד איז א רעידת אדמה. דאס וואס איז געווען פשוט ווערט מסופק. דאס וואס איז געווען שליחות הייבט אן אויסצוזען ווי שליטה. דאס וואס איז געווען הנהגה הייבט אן אויסצוזען ווי התנשאות. דאס וואס איז געווען נתינה הייבט אן אויסצוזען ווי א חשבון. דאס וואס איז געווען קשר הייבט אן אויסצוזען ווי א מלכודת. דער מענטש פרעגט נישט נאר אויף א פרט. די ערד אליין הייבט אן זיך שאקלען אונטער אים. ער ווייסט שוין נישט צי ער קען דא בכלל שטיין.

קורח האט אריינגעברענגט א חשד אין דעם קשר צווישן כלל ישראל און משה רבינו מיט אהרן הכהן. זיין לשון האט געקלונגען ווי א לשון פון קדושה, ווי א לשון פון כלל ישראל, ווי א דאגה פארן כבוד פון דעם קהל. ״כי כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה׳״. באמת איז כלל ישראל הייליג. באמת האט יעדער איד א חלק אין קדושה. אבער אין

די ווערטער איז געלעגן איין ווארט וואס האט אלעס געשאקלט: "תתנשאו."

עס איז נישט קיין שליחות, נאר התנשאות. נישט א העכערער סדר, נאר א מענטש וואס שטעלט זיך העכער אנדערע. אזעלכע ווערטער, ברענגט אריין די גאנצע קשר אין חשד. משה רבינו איז נישט קיין נאמן'דיגער שליח, נאר איינער וואס הייבט זיך. אלעס וואס איז ביז יעצט געבויט ווערט צושאקלט. יציאת מצרים, מתן תורה, די משכן, די סדר המחנה, כהונה און לויה, אלעס וואס איז געגאנגען דורך משה און אהרן, באקומט א שאטן און א חשד. חשד גייט אונטער אלעס און צושאקלט אלעס.

דערפאר איז די שטראף פון קורח ועדתו געווען אז זייער ערד איז געווארן צושאקלט. דאס איז געווען א גילוי פונעם שורש החטא. זיי האבן צושפאלטן די טראסט פונעם כלל, און די גשמיות'דיגע ערד האט זיך געשפאלטן אונטער זיי. זיי האבן געעפנט א מויל פון מחלוקת, און די ערד האט געעפנט איר מויל. זיי האבן געוואלט זיך ארויסרייסן פון סדר הקהל, און דערפאר שטייט ביי זיי: "ויאבדו מתוך הקהל."

דאס איז דער טייטש פון "מתוך הקהל". קורח האט גערעדט בשם דעם קהל. ער האט געטענה'ט אז ער קומט לטובת דעם קהל. אבער זיין סוף איז געווען אז ער איז פארלוירן געווארן מתוך הקהל. עס איז דא איינער וואס רעדט בשם דעם קהל, אבער באמת ברענגט ער פירוד אין עצם צורת הקהל. ווען א מענטש נוצט דעם נאמען פון קהל כדי זיי צו צעברעכן, פארלירט ער זיך אליין מתוך הקהל.

"וינסו כל ישראל אשר סביבותיהם לקולם כי אמרו פן תבלענו הארץ". ווען עס איז דא א רעידת אדמה, חשדות, בלייבט דער פחד נישט נאר ביי די בעלי מחלוקת. די גאנצע סביבה הייבט אן אנטלויפן. יעדער שפירט אז אויב ער שטייט צו נאנט צו דעם פלאץ, קען ער אויך ווערן איינגעשלונגען. חשדות טוישט דעם אויר. זי מאכט אלעס אומזיכער. מ'הייבט פיס און מ'אנטלויפט.

א מענטש קען פרעגן שאלות. א שאלה שלינגט נישט איין. א מחלוקת לשם שמים קומט בויען אמת. אבער א חשד שלינגט איין. ער שלינגט איין דעם מענטש אליין, ער שלינגט איין די רואיגקייט פון די מענטשן ארום אים. קיינער קען שוין נישט מקבל זיין, קיינער קען שוין נישט גלייבן. ער שטייט אויף א ערד וואס קען זיך עפענען יעדע מינוט.

דאס איז א לימוד פאר דעם אייגענעם לעבן פון א מענטש. עס זענען דא שטיבער וואס זעען אויס זייער שטארק, אבער זייער אינערליכע ערד שאקלט זיך. נישט ווייל עס איז נישט דא קיין סדר, נאר ווייל חשד איז אריין. איינער גלייבט נישט דעם צווייטן. יעדע ווארט ווערט געמאסטן. יעדע מעשה ווערט חושד געווען. יעדע שפעטיקייט ווערט א סימן. יעדע שטילקייט ווערט א ראיה. דעמאלט, אפילו דער הויז שטייט, זי שטייט פון אינדרויסן, אבער אינעווייניג איז דאס א רעידת אדמה.

אזוי איז אויך ביי א שותפות. כל זמן עס איז דא אמון, קען מען ארבעטן צוזאמען. נישט אלעס איז אלעמאל גלייך, נישט אלעס איז אלעמאל מסודר בשלימות, אבער עס איז דא א קרקע. ווען חשד קומט אריין, ווערט יעדער קליינער חשבון א סכנה. יעדע החלטה ווערט א פגיעה. יעדע רווח פונעם צווייטן זעט אויס ווי עס קומט אויף מיין חשבון. דעמאלט איז די שותפות שוין נישט קיין פלאץ פון בנין, נאר א פלאץ פון זיך באשיצן. דער מענטש ארבעט נישט, ער היט זיך. ער שאפט נישט, ער חשד'נט. דאס איז א סימן אז די ערד האט זיך גערירט.

אזוי איז אויך אין א קהילה. א קהילה שטייט אויף טראסט. מ'רעדט נישט יעצט פון א גאנצע טראסט, פון אוועקווארפן דעם שכל, נאר א פשוטע טראסט, אז דא זענען דא מענטשן וואס ווילן האלטן צוזאמען תורה, תפילה, חסד, יראת שמים, און סדר. און ווען חשד קומט אריין, איז יעדער הנהגה, נאר כוח, און יעדע תקנה, נאר שליטה. אלעס צעברעכט זיך נאך איידער עס הייבט זיך אן. עס איז נישט דא קיין ערד.

אמאל דארף מען מברר זיין. אמאל דארף מען מתקן זיין א שותפות. אמאל דארף מען שטעלן גבולות. אמאל האלט שוין נישט די אלטער קשר, מען דארף א חידוש. אבער דער חילוק איז אינעם שורש. ווייל מען בויען מיט די שאלה א טיפערע טראסט, אדער ווייל מען פארוואנדלען דעם גאנצן קשר אין חשד. פרעגט מען כדי צו פארשטיין, אדער פרעגט מען כדי צו שפאלטן די זאך. זוכט מען סדר, אדער זוכט מען בליעה.

דאס איז איינע פון די סכנות אין א דור פון אסאך ידיעות און אסאך חשדות. א מענטש הערט פון מענטשן וואס האבן אויסגענוצט איינער דעם צווייטן, פון שותפות'ן וואס זענען צעבראכן געווארן, און פון מוסדות וואס האבן פארלוירן טראסט, און עס ווערט אים גרינג אריינצוברענגען דעם זעלבן בליק אין יעדן פלאץ. ער זעט א מלכודת אין יעדן קשר, א נגיעה אין יעדע הנהגה, א חשבון אין יעדע נתינה. ער מיינט אז ער איז געווארן קלוג, אבער באמת איז ער געווארן א מענטש אן קיין קרקע.

א מענטש דארף וויסן אז זיינע קשרים דארפן בדיקה, עס זענען דא קשרים וואס דארפן חיזוק. עס איז דא א פלאץ צו פרעגן א שאלה, אבער אלעס מיט טראסט. עס איז דא פחדים וואס ווארנט דעם מענטש, און עס איז דא פחדים וואס מאכט אים חרוב. עס איז דא א חשד וואס ראטעוועט א מענטש פון ווערן 'עביאסט', און עס איז דא א חשד וואס שלינגט איין דעם מענטש כמו שהוא.

קורח האט אריינגעברענגט חשד אין א פלאץ פון אמונה. ער האט איבערגעדרייט שליחות צו התנשאות, קהל צו פירוד. דערפאר האט די ערד זיך געעפנט אונטער אים. אבער איינער וואס האלט זיין טראסט אין השם יתברך און אין זיינע צדיקים, לערנט ער זיך צו בויען ריכטיגע טראסט מיט מענטשן, וואס דאס מאכט זיין אייגענע ערד שטארקער.

# אויפן דינעם שטריק

ר' יעקב איז געזעסן אינדערהיים נאך מעריב, און דער טעלעפאן איז געלעגן אויפן טיש. ער האט גערופן דעם נייעס-ליין, ווי ער פלעגט אמאל טון ביינאכט, צו הערן אביסל וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט. ער איז נישט געווען פון די מענטשן וואס לויפן נאך יעדע ידיעה. געווענליך פלעגט ער הערן איין צוויי קעפלעך, אראפלייגן דעם טעלעפאן, און זיך צוריקקערן צו זיך.

יענעם אוונט האט ער געהערט א לאנגע שמועס. נאך א קשר צווישן מדינות ווערט שוואכער. נאך א מדינה זוכט זיך א נייעם וועג. נאך א אלטער קשר שטייט זיך צו טוישן. די רעדנער האבן עס געזאגט מיט גרויסע חשבונות: אויל, מסחר, מדינות וואס שטייגן, מזרח און מערב. אבער ר' יעקב האט געהערט אין דעם אלעם עפעס פשוטער. ער האט געהערט ווי די גאנצע וועלט איז פול מיט קשרים, און יעדער קשר וואס טוישט זיך, דארף דאס זיין מיט זהירות, עס קען אויפשאקלען אסאך מער ווי מענטשן מיינען.

ער האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן, אבער די ידיעה האט אים נישט אפגעלאזט. ער האט נישט עפעס מורא'דיג פארשטאנען צו פאליטיק, ער האט נישט געכאפט אלע פרטים. אבער ער האט געהאט א פשוטע הרגשה. מ'קען נישט טוישן קשרים אויף איין מאל. אפילו ווען א אלטע קשר ווערט שוואכער, אבער נישט אלעס אויף איין מאל. א שטריק וואס האלט אסאך זאכן, אויב שניידט מען עס איבער פלוצלינג, ווערט א קעיאס. אמאל האלט מען אביסל דא, מ'עפענט אביסל דארט, מ'בויט נייע וועגן שטייטלעך, ביז מ'קען אריבערגיין פון איינס צום צווייטן.

אין יענער תקופה האט ר' יעקב אליין געהאט אזא שאלה. שוין יארן לאנג האט ער געהאט א געשעפט מיט א שותף. אין אנהייב איז אלעס געווען פשוט. יעדער האט געוויסט זיין חלק, און דער טראסט איז געווען צווישן זיי שטילערהייט. מען האט נישט געדארפט נאכקוקן יעדע זאך. מען האט נישט געדארפט אויפשרייבן יעדן פרט. א ווארט האט געהאלטן.

אבער מיט די יארן האט זיך די זאך געטוישט. די ביזנעס איז געוואקסן, די אחריות איז געוואקסן, און די מענטשן אליין האבן זיך אויך אביסל געטוישט. וואס ס'איז אמאל געווען פשוט, איז שוין היינט נישט געווען אזוי פשוט. החלטות זענען געווארן געמאכט אליין. חשבונות זענען נישט געווען גענוג קלאר. עס איז נישט געווען דארט קיין אפענע שלעכטס, א קלארע בגידה, אבער עס איז געווען אזא דינע רעידה, אזא טרייסל. ר' יעקב האט אנגעהויבן שפירן אז ער שטייט שוין נישט אויף דער זעלבער ערד ווי אמאל.

דאס האט אים שטארק וויי געטון. ער האט נישט געוואלט ווערן א חשדן. ער האט נישט געוואלט זאגן אז אלע יארן זענען געווען א טעות. ער האט נישט געוואלט אויסמעקן דאס גוטס וואס איז געווען. אבער פון דער צווייטער זייט האט ער נישט געוואלט צומאכן די אויגן. ער האט געוואוסט אז אויב ער וועט פארקוקן, קען די קליינע רעידה וואקסן. און אויב ער וועט זיך צו שטארק דערשרעקן, וועט ער אליין ברענגען די גרויסע רעידה.



יענע נאכט איז ער געזעסן מיט זיך אליין א לאנגע צייט. ער האט געטראכט ווי א גוטע קשר צעברעכט זיך נישט אין איין טאג. עס זענען דא זאכן וואס זענען דורכגעגאנגען: פרנסה, אחריות, טראסט, געוואוינהייט, כבוד, יארן פון ארבעט. אויב מען דארף א שינוי, דארף מען עס טון מיט זהירות. שטייטלעך. מען לאזט איבער א דורכגאנגט. מען האלט אביסל דא, מען בויט אביסל דארט. יעדער קשר שטייט אויף א דינעם שטריק, און די חכמה איז נישט צוצומאכן די אויגן, און אויך נישט צו ציטערן פון פחד. די חכמה איז צו לייגן דעם פיס מיט זהירות.

פלוצלינג האט ער געפילט אז דאס איז ממש זיין מצב. ער שטייט אויפן דינעם שטריק פון א קשר. אויב ער וועט אנטלויפן און זאגן אז אלעס איז גוט, קען ער פאלן. אויב ער וועט זאגן אז אלעס איז שקר, אלעס איז ניצול, וועט ער אויך פאלן. מען דארף גיין. נישט שטיין געפרוירן, נישט לויפן. נאר בעיקר 'זען. היטן דעם טראסט, אבער אים געבן א גבול. אביסל טוישן פון דער אלטער צורה, אבער נישט צעברעכן אלעס אויף איין מאל. בויען א נייעם סדר שטייטלעך, כדי דער קשר זאל נישט ווערן קיין רעידת אדמה.

צומארגנס האט ער זיך געטראפן מיט זיין שותף. ער איז נישט געקומען מיט קולות. ער איז נישט געקומען א ער זאגט אפ. ער איז אויך נישט געקומען ווי איינער וואס האט שוין מחליט געווען אז דער צווייטער איז שולדיג. ער האט נאר געזאגט: מיר דארפן רעדן. אונזער ביזנעס איז געוואקסן, וואס ס'איז אמאל געווען פשוט, איז יעצט שוין נישט. איך וויל נישט פארלירן דעם טראסט וואס איז געווען צווישן אונז, מ'דארף נייע וועגן. מען דארף סדר. מען דארף גבולות. מען דארף וויסן וואס יעדער טוט, וואס יעדער איז מחליט, וואס מען שרייבט אפ פון פריער.

דער שותף איז אביסל נפגע געווארן. ער האט אים געזאגט: נאך אזויפיל יארן, יעצט בעטסטו פאפירן און גבולות?

האט ר' יעקב אים געזאגט: דוקא נאך אזויפיל יארן. אויב דער קשר וואלט נישט געווען חשוב, וואלט איך נישט געווען אזוי נזהר דערויף. ווען א זאך איז טייער, היט מען עס. טראסט אן קיינע כלים קען געשעדיגט ווערן. כלים אן טראסט קען ווערן א מלחמה. איך בעטביידע צוזאמען.

אין אנהייב איז עס געווען שווער. יעדער פרט וואס זיי האבן פארשריבן האט געשפירט ווי די אלטע תמימות גייט אוועק. ר' יעקב אליין האט געשפירט ווייטאג אין יעדע שורה. אבער שפעטער האט ער פארשטאנען: א גבול מיינט נישט אז מ'באגראבט די טראסט, נאר אדרבה, א גבול איז א שמירה פאר די טראסט. ווען א זאך איז קליין, קען עס שטיין אויף פשטות. ווען עס וואקסט, דארף עס סדר. דאס מיינט נישט אז די פשטות איז געווען שקר. דאס מיינט אז דער קשר בעט א ברייטערן כלי.

זיי האבן אנגעהויבן טוישן שטייטלעך. זיי האבן נישט פארמאכט אלעס אין איין טאג. א טייל החלטות זענען געבליבן צוזאמען. א טייל זענען איבערגעגעבן געווארן פאר יעדן איינעם באזונדער. די חשבונות זענען געווארן מער מסודר. זאכן וואס מען האט אמאל נאר געזאגט, האט מען אנגעהויבן אויפשרייבן. נישט ווייל זיי האבן געוואלט חושד זיין, נאר ווייל זיי האבן געוואלט נישט דארפן חושד זיין. יעדער נייער גבול האט אראפגענומען אביסל פון דער רעידה.

ר' יעקב האט באמערקט, אז יעדעס מאל וואס זיי האבן געמאכט א שינוי אויף איין מאל, איז דאס הארץ געווארן דערשראקן. און יעדעס מאל וואס זיי האבן געמאכט א שינוי שטייטלעך, דורך רעדן, דורך כבוד, דורך געדענקען דאס גוטס וואס איז געווען, איז געבויט געווארן אביסל א נייע רואיגקייט. נישט די אלטע רואיגקייט פון דער ערשטער תמימות, נאר א מער דערוואקסענע רואיגקייט. א רואיגקייט וואס ווייסט אז די וועלט טוישט זיך, אבער זי דערשרעקט זיך נישט פון יעדן שינוי.

א פאר וואכן שפעטער האט ער נאכאמאל געהערט אויפן נייעס-ליין וועגן מדינות וואס טוישן קשרים. דאס מאל האט ער עס געהערט אנדערש. נישט ווי עפעס א ווייטע נייעס. נאר עפעס פון זיך אליינס. אויך די וועלט דארף זיך לערנען ווי אזוי מען טוישט קשרים, ווען אן אלטער קשר קען שוין נישט האלטן, דארף מען בויען עפעס ניי. אבער אויב מען צעברעכט עס צו שנעל, שאקלט זיך די וועלט. און אויב מען בלייבט געצווינגענערהייט, אינעם מצב וואס פאסט שוין נישט, וואס טראגט שוין נישט, דעמאלטס זאמלט זיך די טרייסל אינעווייניג. מען דארף דעת. מען דארף א אריבערגאנג. מען דארף גבולות. מען דארף טראסט וואס איז נישט בלינד, א חשבון וואס איז נישט קיין חשד.

יענעם אוונט האט ער געזאגט צו זיין זון: אלע קשרים צווישן מענטשן זענען ווי א מענטש וואס גייט אויף א דינעם שטריק. ווער עס האט צו שטארק מורא, פאלט. ווער עס נעמט עס לייכט, פאלט אויך. מען דארף שפירן יעדע טריט. נישט מורא האבן, אבער אכטונג געבן. אזוי איז צווישן מדינות, אזוי איז צווישן שותפים, און אזוי איז אויך אין א מענטשנס אייגענער שטוב.

דער עיקר איז צו האלטן דעם טראסט. אמאל האלט מען אים דורכן בלייבן. אמאל האלט מען אים דורכן טוישן. אמאל האלט מען אים דורכן טוישן די גבול. אבער דער שינוי טאר נישט קומען פון בהלה, אויב מען טוישט פון פחד, ווערט דער קשר צעריסן. אלעס דארף געטון ווערן מיט דעת.

און אמאל, ווען ער איז געזעסן אליין, האט ער געטראכט אין די טיפקייט פון דער זאך. די גאנצע בריאה שטייט אזוי. קשרים ווערן שוואכער, קשרים באקומען א נייע צורה. עס איז דא איין קרקע וואס בלייבט אלעמאל. דאס איז טראסט אין השם יתברך. אלע קשרים אין דער וועלט רירן זיך. שותפות'ן טוישן זיך. מדינות טוישן. דער מענטש אליין טוישט זיך במשך די יארן. אבער אויב ער האט אן אינערליכן קשר צום בורא, האט ער א שטארקע פלאץ צו שטיין. ער קען טוישן אָן צעבראכן ווערן, זיין נזהר אָן מורא האבן.


קול הלשון פרטי – הרב שלום לאנגסאם 1605–313–6803

– **אויף אידיש 1**, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, נפש (נפש, חיזוק, חינוך, שלום בית) 3, פרשת השבוע 4, חומש רש"י 5, משנה וגמרא 6, הלכה 7, מוסר וחסידות 8, אינטערסאנטע טאפיקס (חכמת התורה, חכמת העולם) 9, שבת 10, מועדים 11, שיעורים 12 | **נ"ך 2** – שיעורים על רוב תנ"ך

אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com או לשלוח הודעה: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845–274–3516